# אַרְבַּע בְּרָכוֹת שֶׁל בִּרְכַּת הַמָּזוֹן:

| | מִי תִּקֵּן? | מָתַי? | לָמָּה? |
|---|---|---|---|
| בִּרְכַּת הַזָּן  | | | |
| בִּרְכַּת הָאָרֶץ  | | | |
| בִּרְכַּת בּוֹנֵה יְרוּשָׁלָיִם  | | | |
| בִּרְכַּת הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב  | | | |





# בִּרְכַּת הַזָּן



אין די מדבר טרוקן הייס
פאלט פון הימל פרישע שפייז
פון דער באשעפער צו זיינע קינדער
די טעם ערפיל
וויאזוי מען וויל
זיין ליבשאפט ליגט אין דער מן׳ס וואונדער
אנגעפילט מיט דאנקבארקייט
מתקן האט ער אין די צייט
משה רבינו אונזער מנהיג
בִּרְכַּת הַזָּן
אן אנדענק פאר דער מן
געדענק זיין חסד יעדן טאג באזונדער!

# אַרְבַּע בְּרָכוֹת שֶׁל בִּרְכַּת הַמָּזוֹן:

| | מִי תִּקֵּן? | מָתַי? | לָמָּה? |
|---|---|---|---|
| בִּרְכַּת הַזָּן  | משה רבינו | ווען די אידן זענען געווען אין די מדבר. | אלס דאנק פאר די מן. |
| בִּרְכַּת הָאָרֶץ  | ______________ ______________ ______________ | ______________ ______________ ______________ | ______________ ______________ ______________ |
| בִּרְכַּת בּוֹנֵה יְרוּשָׁלָיִם  | | | |
| בִּרְכַּת הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב  | | | |







# בְּרְכַּת הָאָרֶץ




נאכן ווארטן יארן לאנג
קומט מען אן מיט געזאנג
צו די לאנד שנשבע לאבותינו
ארץ ישראל
יא ארץ ישראל
נוֹדֶה לְךָ ה' אֱלוֹקֵינוּ
יהושע בן נון רופט אויס
מיט א טענצל גייט ארויס
בִּרְכַּת הָאָרֶץ אויסצודריקן
אֶרֶץ חֶמְדָּה
טוֹבָה וּרְחָבָה
ווי האניג, מילך פליסן און דערקוויקן!

# אַרְבַּע בְּרָכוֹת שֶׁל בִּרְכַּת הַמָּזוֹן:

| | מִי תִּקֵּן? | מָתַי? | לָמָּה? |
|---|---|---|---|
| בִּרְכַּת הַזָּן  | משה רבינו | ווען די אידן זענען געווען אין די מדבר. | אלס דאנק פאר די מן. |
| בִּרְכַּת הָאָרֶץ  | יהושע בן נון | ווען ער האט אריינגעפירט די אידן אין ארץ ישראל. | צו דאנקען השי"ת פאר ארץ ישראל. |
| בִּרְכַּת בּוֹנֵה יְרוּשָׁלָיִם  | ______________ ______________ ______________ | ______________ ______________ ______________ | ______________ ______________ ______________ |
| בִּרְכַּת הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב  | | | |







# בִּרְכַּת בּוֹנֵה יְרוּשָׁלָיִם



די בית המקדש שטייט מיט פראכט
פון ווייט דערקענט זיך ווי עס לייכט
די גוטס פון דער באשעפער ווער קען ציילן?
דוד לויבט ה׳, זיין זוהן לייגט צו צו דעם
א בקשה אז עס זאל אונז גארנישט פעלן.
מיר בעטן פון געטרייע אב
בּוֹנֵה בְּרַחֲמָיו
צו ירושלים זאל מען קערן
צוריק אהיים
וְנאֹמַר אָמֵן
א סוף זאל זיין צו אונזערע טרערן!

# אַרְבַּע בְּרָכוֹת שֶׁל בִּרְכַּת הַמָּזוֹן:

| | מִי תִּקֵּן? | מָתַי? | לָמָּה? |
|---|---|---|---|
| בִּרְכַּת הַזָּן  | משה רבינו | ווען די אידן זענען געווען אין די מדבר. | אלץ דאנקן פאר די מן. |
| בִּרְכַּת הָאָרֶץ  | יהושע בן נון | ווען ער האט אריינגעפירט די אידן אין ארץ ישרא-ל. | צו דאנקען השי״ת פאר ארץ ישרא-ל. |
| בִּרְכַּת בּוֹנֵה יְרוּשָׁלָיִם  | דוד המלך<br>שלמה המלך | בנין בית המקדש. | מיר בעטן השי״ת אז ער זאל שוין שיקן משיח און אויפבויען די בית המקדש. |
| בִּרְכַּת הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב  | ____________<br>____________<br>____________ | ____________<br>____________<br>____________ | ____________<br>____________<br>____________ |





# בִּרְכַּת
# הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב



אין די צייט פון חורבן שרעק
פיל קדושים אוועק
אידיש בלוט רשעות'דיג גענומען
און דאן באווייזט
דער אויבערשטער א טרייסט
קבורת ישרא-ל באקומען
אין ביתר א טונקל ארט
טרעפט מען אויך די חסד דארט
הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב טוט זיך הערן
מיט א געוויין
מתקן געווען
מען לויבט ה' טראָץ אלע טרערן!

# מַעֲלַת בִּרְכַּת הַמָּזוֹן

דער **באר היטב** זאגט: **"כָּל מִי שֶׁמְּבָרֵךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּכַוָּונָה, מְזוֹנוֹתָיו מְצוּיִּין לוֹ בְּרֶוַח, וּבְכָבוֹד כָּל יָמָיו"!!!**

אז דער וואס בענטשט ברכת המזון בכוונה וועט זיין שפייז זיין צוגעגרייט צו איהם **"בְּרֶוַח"** - מיט א ________, **"בְּכָבוֹד"** - מיט ________, זיין גאנצע לעבן!!!

**"בְּרֶוַח"** - מיינט אז ער וועט קענען קויפן למשל די בעסטע קוואליטעט פרוכט און ער וועט נישט דארפן קויפן די ביליגע צוהאקטע פרוכט.

**"בְּכָבוֹד"** - מיינט אז ער וועט האבן פרנסה וואס ער פילט גוט דערמיט (נישט ער שעמט זיך פון זיין פאסטן) און אז זיין בעל הבית און ארבעטערס וועלן רעדן און זיך פירן צו איהם מיט כבוד און נישט ח"ו ווי א שמאטע אדער קנעכט.

דער וואס בענטשט **בְּקוֹל רָם** מיט **שמחה** וועט ווערן _______. (משלי י', כ"ב)
**"בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר"** טייטשט מען אז דורך **ברכת המזון** וואס איז א מצוה **דְאוֹרַייתָא** ווערט מען **רייך**.

דער **ילקוט שמעוני** ברענגט אז ווען מען בענטשט נאכ'ן עסן ווערט עס גערעכנט ווי מען האט מקיים געווען די __________ ________!

# הקדמה

**ר׳ יהושע לייב דיסקין:** ״א איד וואס בענטשט ערליך פון א סידור איז בָּטוּחַ אז עס וועט נתבטל ווערן אלע גזירות!

אין פרשת משפים (כג:כה) שטייט, **״וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה׳ אֱלֹקֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ״** איר וועט דינען אייער באשעפער און ער וועט בענטשן דיין ברויט און דיין וואסער און איך וועל אפטוהן קרענק צווישן דיר. און די פסוקים רעכענען ווייטער אויס גוטס וואס דער אויבערשטער וועט טוהן מיט כלל ישראל.

דער **מאור ושמש** פרעגט, ״עס וואלט געדארפט שטיין ״**וְאֲבָרֵךְ אֶת לַחְמְךָ** און **איך וועל** בענטשן דיין ברויט און וואסער, אזויווי אלע אנדערע לשונות אין די פסוקים וואס הקב״ה זאגט, ״און איך וועל...״

דער מאור ושמש ענטפערט אז ״**וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ**״ - גייט ארויף אויף דער מענטש. אויב דער מענטש וועט מאכן ברכות ווי עס דארף צו זיין אויף זיין ברויט און וואסער, אויף אלעס וואס ער עסט, דאן ״**וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ**״ - וועט די עסן אליין זיין די רפואה פאר אלע מחלות!!

ר׳ שמואל דוד פרידמאן שליט״א האט דערציילט אז ווען זיין מאמע האט באקומען מעדיצינען האט זי געזאגט אז זי קען נישט פארשטיין פארוואס אין אמעריקא זוכן מענטשן צו קויפן מזונות ברויט כדי זיך נישט צו דארפן וואשן און בענטשן. עס איז געוועהן אזוי שווער פאר איר צו עסן בשעת די אויסהיילונג. זי האט זיך געפירט זייער נישט גוט אבער דאך האט זי זיך אנגעשטרענגט צו עסן ברויט כדי זי זאל קענען מקיים זיין די דריי ברכות דְאוֹרַייתָא און איין ברכה דְרַבָּנָן פון ברכת המזון!





# הקדמה

בִּרְכַּת הַמָּזוֹן איז צאמגעשטעלט פון 4 בְּרָכוֹת:

4
בְּרָכוֹת



## צו וואס זאל השי"ת אונז נישט מאכן צוקומען?



נישט צו א מתנה פון א מענטש



און נישט צו דארפן בארגן פון צ״

## נאר צו וואס דען ווילן מיר צוקומען?

כִּי אִם לְיָדְךָ

נאר פון דיין האנט

| | |
|---|---|
| | |
| | |

## פארוואס ווילן מיר נישט צוקומען צו מענטשן נאר ווערן געשפייזט דורך השי"ת?

אז מיר זאלן נישט ווערן פארשעמט

און מיר זאלן נישט ווערן דערניקערט





# ברכת הארץ

וְעַל הַכֹּל

___________

וואס טוהן מיר וועגן דעם?

___________ איר דאנקען דיר

___________ און איר בענטשן דיר, אז דיין נאמען זאל זיין געבענטשט

ווער טוט בענטשן השי"ת'ס נאמען? ___________

אין מויל פון אלע לעבעדיגע

ווען טוען זיי בענטשן? ___________

שטענדיג, אויף אייביג

כַּכָּתוּב

אזוי ווי עס שטייט

וואס שטייט געשריבן אין פסוק?

"___________ און דו וועסט עסן

___________ און דו וועסט זאט ווערן

___________ און דו זאלסט בענטשן

אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ עַל הָאָרֶץ הַטּוֹבָה
אֲשֶׁר נָתַן לָךְ" (דברים עקב פרק ח' פסוק י')





## וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם

______________________

וואס איז ירושלים? ____________________

די הייליגע שטאט

ווען זאל השי"ת אויפבויען ירושלים? ____________________

שנעל אין אונזערע טעג



### טראכט!

וועלכע צוויי זאכן זאלן מיר אינזין האבן ווען מיר זאגן די ווארט "אמן"?

1. ________________________________________
________________________________________

2. ________________________________________
________________________________________

# ברכת בונה ירושלים

**רַחֵם נָא.......................................האב רחמנות ביטע**

ה׳ אֱלוֹקֵינוּ.................................ה׳ אונזער ג-ט

עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ .......................אויף דיין פאלק ישראל

וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ .....................און אויף דיין שטאט ירושלים

וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ ............און אויף ציון די רוה ארט פון דיין כבוד

וְעַל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד ..............און אויף דעם קעניגרייך פון דעם הויז פון דוד

מְשִׁיחֶךָ.......................................דיין באזאלבטע

וְעַל הַבַּיִת...................................און אויף דעם הויז

הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ .........................די גרויסע און די הייליגע

שֶׁנִּקְרָא שִׁמְךָ עָלָיו........................וואס דיין נאמען ווערט גערופן אויף אים

אֱלוֹקֵינוּ .................................אונזער ג-ט

אָבִינוּ .........................................אונזער טאטע

רְעֵנוּ............................................טוה אונז פאשען

זוּנֵנוּ ...........................................שפייז אונז

פַּרְנְסֵנוּ........................................געב אונז פרנסה

וְכַלְכְּלֵנוּ .....................................און טוה אונז דערנערן

וְהַרְוִיחֵנוּ ....................................און געב אונז מיט א ברייטקייט

וְהַרְוַח לָנוּ ..................................און דערברייטער פאר אונז

ה׳ אֱלֹקֵינוּ .................................ה׳ אונזער ג-ט

מְהֵרָה ........................................שנעל

מִכָּל צָרוֹתֵינוּ .............................פון אלע אונזערע צרות

וְנָא אַל תַּצְרִיכֵנוּ .........................און מיר בעטן אז מיר זאלן נישט דארפן

ה׳ אֱלוֹקֵינוּ.................................ה׳ אונזער ג-ט

לֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם.........נישט צו א מתנה פון א מענטש

וְלֹא לִידֵי הַלְוָאָתָם ..................און נישט צו דארפן בארגן פון זיי
כִּי אִם לְיָדְךָ ............................ נאר פון דיין האנט
הַמְלֵאָה ......................................די פולע
הַפְּתוּחָה ....................................די אפענע
הַקְּדוֹשָׁה ....................................די הייליגע
וְהָרְחָבָה ....................................און די ברייטע
שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ .................................אז מיר זאלן נישט ווערן פארשעמט
וְלֹא נִכָּלֵם .................................און מיר זאלן נישט ווערן דערנידערט
וְלֹא נִכָּשֵׁל .................................און מיר זאלן נישט ווערן געשטרויכלט
לְעוֹלָם וָעֶד .................................אויף אייביג

**וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם ............................און בוי אויף ירושלים**
עִיר הַקֹּדֶשׁ...................................די הייליגע שטאט
בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ ............................שנעל אין אונזערע טעג
בָּרוּךְ אַתָּה ה׳...............................געבענטשט, ביסטו ה׳
בּוֹנֵה בְּרַחֲמָיו ..............................וואס ער בויעט מיט זיין רחמנות
יְרוּשָׁלָיִם אָמֵן ..............................די שטאט ירושלים אמן